**אויף תיכף ארויסצוגעבן:** 1/9/2026 **גאווערנער קעטי האקול**

# גאווערנאר האקול פאראָרדענט ניו יארק סטעיט לענדמארקס צו באלאכטן ווערן אין אנערקענונג פון נאציאנאלע געזעץ ענפארסירונג דאנקבארקייט טאג

***16 לאנדמארקס וועלן באלאכטן ווערן אין טונקל בלוי אויף דעם אווענט פון יאנואר 9***

גאווערנאר Kathy Hochul (קעטי האקול) האט היינט געמאלדן אז 16 סטעיט לענדמארקס לענגאויס ניו יארק סטעיט וועלן באלאכטן ווערן אין טינקל בלוי דעם אווענט, פרייטאג, יאניואר 9, צו אנערקענען נאציאנאלע געזעץ ענפארסירונג דאנקבארקייט טאג ( National Law Enforcement Appreciation Day). די לענדמארק באלייכטונג טוט באעהרן די קריטישע און געוואלדיגע ארבעט פון די מענער און פרויען וואס האבן געווידעמעט זייערע קאריערעס צו געזעץ ענפארסירונג און ארבעט אין קאמיוניטיס לענגאויס דעם סטעיט, באשיצנדיג און סערווירנדיג ניו יארקער יעדן טאג.

"מיין נומער איינס פריאריטעט איז פובליק זיכערהייט, און איך האב די גרעסטע כבוד פאר די מענער און פרויען פון געזעץ ענפארסירונג וועלכע שפילן א קריטישע ראלע אין מאכן ניו יארק מער פארזיכערט פאר יעדער איינער," **האט גאווערנאר Hochul (האקול) געזאגט.** "אויף נאציאנאלע געזעץ ענפארסירונג טאג - און יעדן טאג - שטיי איך מיט ניו יארקער געזעץ ענפארסירונג און טוה ווייטער געבן מיין שטיצע פאר זייערע שווערע ארבעט און מסירת נפש צו באשיצן ניו יארקער, אראפנעמען אומלעגאלע גאנס פון אונזערע געסער, און ווייטער אראפברענגען פארברעכנס."

די 16 לענדמארקס וועלן ווערן באלאכטן אין עהרע פון נאציאנאלע געזעץ ענפארסירונג דאקנבארקייט טאג:

- 1 WTC
- גאווערנאר מאריאו מ. קאומאו בריק (Governor Mario M. Cuomo Bridge)
- קאָסיאָסקאָו בריק (Kosciuszko Bridge)
- די ה. קארל מעקאל SUNY געביידע (H. Carl McCall SUNY Building)
- סטעיט עדזשוקעישען געביידע (State Edutacion Building)
- אלפרעד ע. סמיט סטעיט אפיס געביידע (Alfred E. Smith State Office Building)
- עמפייער סטעיט פלאזא (Empire State Plaza)
- סטעיט פעירגראונדס - הויפט ארייננגאנג טויער און עקספא צענטער ( State Fairgrounds – Main Gate & Expo Center)
- ניאגארא וואסערפאלן
- די "פרענקלין ד. רוזעוועלט" מיד-האדסאן בריק (The "Franklin D. Roosevelt" Mid-Hudson Bridge)
- גרענד צענטראל טערמינאל - פערשינג סקוועיר וויעדאָקט ( Grand Central Terminal - Pershing Square Viaduct)
- אלבאני אינטערנאציאנאלע לופטפעלד ארייננגאנג (Albany International Airport Gateway)

- לעיק פלעסיד אלימפיק צענטער (Lake Placid Olympic Center)
- MTA LIRR - מזרח זייט טויער ביי פען סטאנציע
- פעירפּארט ליפט ברידזש איבער דעם ערי קאנאל ( Fairport Lift Bridge over the Erie Canal)
- מויניהאן באן האל (Moynihan Train Hall)

זינט ארייקנומען אין אפיס, האט גאווערנאר Hochul (האקול) געמאכט גרויסע אינוועסטירונגען צו האלטן ניו יארק פארזיכערט, פארשפרעכנדיג 3 ביליאן דאלאר פאר פובליק זיכערהייט איניציאטיוון איבער'ן סטעיט, אריינגערעכנט 127 מיליאן דאלאר אין גרענטס פאר פאליציי אפטיילונגען און שעריפס' אפיסעס, ערמעגליכנדיג זיי צו מאדערניזירן געזעץ ענפארסירונג טעכנעלאגיע און געצייג אז זיי זאלן בעסער קענען לעזן, רעדוצירן און פארמיידן פארברעכנס.

###


נאך נייעס קען מען באקומען ביי www.governor.ny.gov
ניו יארק סטעיט | עקזעקיוטיוו טשעימבער | press.office@exec.ny.gov | 518.474.8418
שרייבט זיך איין צו באקומען די לעצטע נייעס פון די גאווערנער'ס אפיס: ny.gov/signup | טעקסט די ווערטער NEW YORK צו 81336

זיך ארויסשרייבן